# 50th ANNIVERSARY JUBILEE JOURNAL

## נאָוואָסעליצער פּראָגרעסיוו

### בראַנטש 498 אַרבעטער רינג

שבת, דעם 15-טן מאַי, 1965

גאָלדענער

יובילײ

## NOVOSELITZER PROG. BESS.
### Branch 498 W. C.

SATURDAY EVE. MAY 15, 1965

ATRAN HOUSE, 25 EAST 78TH ST. NEW YORK CITY

# נאוואָסעליצער בעסעראַביער
# פּראָגרעסיוו ברענטש 498 א.ר.

1965      1913

ארויסגעגעבן צום 50 יאריקן יובילייאום פייערונג

◇

**ברענטש באאמטע**

דוד פּאָלישאָק, פינאנס סעקרעטאר    מאקס יאסלאָוויץ, פּראָטאָקאָל סעקרעטאר
הערי נאָדעלמאן, קעשיר    וויליאם טאָרינסקי, האָספּיטאלער

**יובילייאום עקזעקוטיוו ארראנדזשמענטס קאָמיטע**

וויליאם טאָריינסקי, יובילייאום טשערמאן    יוסף קאצמאן, עקזעק. טשערמאן
דוד פאלישאָק, יובילייאום סעקרעטאר    מאקס יאסלאָוויץ, יובילײ פּראָט.סעק.
הערי נאָדעלמאן, יובילייאום קאסירער

פרענק סיאק    לואיס קעסנער
יוסף קאָרנפעלד    לואיס ספּילמאן
דזשעק בארבאך    דעיוו גראָסער
יוסף באָנטשיק

מאלי טאָריינסקי   דאָרע קעסנער   סערא יאסלאָוויץ   פעני קאָרנפעלד   איידא סאָקאָל

**זשורנאל קאָמיטע**

יוסף קאָרנפעלד    יוסף קאצמאן    דוד פאלישאָק

◇

שבת אָוונט, דעם 15-טן מאי, 1965

אין

אטראן הויז - 25 איסט 78-טע גאס - ניו יאָרק

◇

## גאָלדענער יובילייאום

50

# א וואָרט

## פון דער זשורנאַל קאָמיטע

חשובע פריינד:

עס איז פאַר אונז א גרויסער כבוד, וואס מיר האבן דאס פאַרגעניגן אייך צו רעפּרעזענטירן מיט אונזער 50-יאריקן יובילײ זשורנאַל. כאָטש ער איז ניט אין דעם פאָרמאַט וואָס מיר פלעגן אַרויסגעבן אונזערע פריערדיגע זשורנאַלן, אָבער דאָך פילן מיר אז דאָס איז פאַר אונז א גרויסע דערגרייכונג, וואס דער ברענטש האָט מיר צוגעטײלט דעם כבוד, אויף וויפיל עס איז מעגלעך ביי די יעצטיגע אומשטענדן.

מיר וואָלטן וועלן אז איר זאָלט אים דורכלײענען מיט געדולד און אויפמערקזאמקייט, אבער זייט ניט צו שטרײנג מיט אייער קריטיק, ווייל מיר ווייסן אז וואָס צו קריטיקירן איז אלעמאל פאַראַן.

אָבער איר מעגט אונז גלויבן, אז מיר האבן זיך אנגעשטרענגט מיט אלע אונזערע כוחות און געזוכט וואס מער ארויסצוברענגען זכרונות פון אונזער 50-יאריקן עקזיסטענץ.

אין גייסט פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און אויך אין גייסט פון אונזער צוקונפט באַגריסן מיר ברענטש 498 צו אונזער גרויסן טייערן און חשובן יום טוב.

זייט אלע געגריסט!

די זשורנאַל קאָמיטע -

קאָרנפעלד - פאַלישאַק - קאַצמאַן.

: : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : :

איך און מיין פרוי באַגריסן אונזער ברענטש 498 א.ר. צום 50-סטן יובל און זאָלן מיר דערלעבן צו פייערן אונזער יום טוב פון 75 יאר עקזיסטענץ.

פון מר. און מרס. דייוו און ביילע גראָסער

# 50 א באגריסונג פון טשערמאַן 50

## פון יובילײ-קאָמיטעט

איצט, ווען אונזער ארבעט צו אראנזשירן אונזער גרויסן יום טוב איז צו ענדע, קען איך מיר אביסעלע פרייער אָפּאָטעמען און אביסל זיך דורכשמועסן מיט אייך, ווי אויך טיילן אונזערע געפילן און איבערלעבונגען מיט אונזער מיטגלידערשאפט אין דעם דאזיגן פייערלעכן מאמענט.

עס איז ניט נויטיג פאר מיר צו שילדערן פאר אייך די שווערע ארבעט וואָס איז פארבונדן מיט צוגרייטן א 50-יאריגן יום טוב פאר אזא ארגאניזאציע ווי אונזערע. מיר זיינען געוואוינט אז אונזערע אונטערנעמונגען, אונזערע יום-טובים זאָלן זיך אונטערשיידן פון פילע אנדערע מיט א באזונדערן גייסט. איבערהויפט ווען מען האָט אין זינען דעם פאקט, אז איך מיט מיין קאמיטע האבן געזוכט דורכאויס צופרידנצושטעלן יעדן איינציגן פון אונזער מיטגלידערשאפט אויפן בעסטן אופן, ניט שפארענדיג קיין מי און צייט.

וואָס איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אז איך און די יובילײ קאמיטע, זיינען צוגעטראָטן צו דער ארבעט מיטן נויטיגן ערנסט און פאראנטוואָרטלעכקייט. און לאָזט מיר אייך זאָגן, אז איך האב געפילט אויף זיך א פליכט צו טאָן אלעס וואָס איז מעגלעך צו מאכן אונזער יום טוב וואס שענער און איינדרוקספולער. אזוי אז אונזער מיטגלידערשאפט זאל זיין צופרידן אויפן בעסטן אופן.

דעריבער וויל איך קודם כל, אויסדריקן מיין הארציגן דאנק צו אונזערע מיטגלידער פאר דעם כבוד וואס זיי האבן מיר צוגעטיילט דערמיט וואס זיי האבן מיר אָנפארטרויט די צוגרייטונג פון אונזער 50-יאָריגן יובילײ. מיין ארבעט איז געענדיגט און מיין הארץ איז רואיג און פול מיט האָפענונג, אז אונזערע מיטגלידער וועלן זיין צופרידן און זיי וועלן פארברענגען דעם יום טוב אין דער פריילעכער בעסטער שטימונג.

יעדענפאלס מיר האָבן זיך באמיט צו טאָן דאס בעסטע אז צופרידנהייט זאל הערשן היינט אויף דער נאכט פון אונזער יום טוב.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך באגריסן אלע גרינדער און אקטיווע טוער וועלכע האָבן מיטגעהאלפן ברענגען אונזער ברענטש צו זיין איצטיגן יום טוב.

צום שלום, באגריס איך אלע אונזערע באאמטע און אלע אונזערע מיטגלידער מיט זייערע פאמיליעס, אז מיר זאָלן דערלעבן צו פייערן אונזער קומענדיגן יום טוב, אָבער אין א בעסערער צייט פאר דער מענטשהייט בכלל און פאר אונז אידן בפרט.

זייט אלע הארציג געגריסט פון מיר און מיין פרוי.

וויליאם טאריינסקי,

טשערמאן פון דער יובילײ-ארײנדזשמענט קאמיטע

# א קורצער היסטאָרישער איבערבליק

## און אן אפשאצונג פון איבער 50 יאר פון נאוויסעלציער

## פראגרעסיוו ברענטש 498

### פון א בעאבאכטער!

צוטרעטן צו דער ארבעט פון שרייבן פון אן אביעקטיטן און קורצן היסטארישן איבערבליק פון דער עקזיסטענץ, אקטיוויטעט און די אנטשטייאונג פון אזא ארגאניזאציע ווי ברענטש 498, איז ניט פון די לייכטע אונטערנעמונגען, דאך פילן מיר אז מיר מוזן דאס טאן אין אנגיזיכט פון אונזער 50-יאריגן יובילײ.

אלזא דער צוגאנג פון דער ארגאניזאציע האט זיך נאך אנגעפאנגען אין 1909 און ווי עס איז באוואוסט האט די גרויסע אימיגראציע קיין אמעריקע זיך נאָך אָנגעפאנגען אין די נײַנציגער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, און אָנגענומען דעם כאראקטער אזוי ווי א פארפלייצונג נאָך די פּאָגראָמען און נאָך דער אונטערדריקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע - 1905. פון אלע שטעט און שטעטלעך אין רוסלאנד און אויך אין אנדערע לענדער, וואו נאר אידן האבן געלעבט, האט זיך אָנגעפאנגען א גוואלדיגער שטראם צו דערגרייכן אמעריקע, דאָס גאָט געבענטשטע לאנד, און פארשטענדלעך, עס האָט אויך ניט אויסגעלאזט אונזער שטעטל נאָוויסעליץ, ווי אויך דער שרייבער פון די צײַלן איז פארטראָגן געוואָרן פון דעם שטראָם.

אָבער אין 1905, זענען קיין בחורים אין מײַנע יאָרן ניט געווען דאָ פון דעם שטעטל נאוויסעליץ. ערשט אין אייניגע יאָר שפּעטער זענען אָנגעקומען אייניגע נאָוויסעליצער בחורים און צווישן זיי זענען אָנגעקומען הינדע גלאַזמאן מיט אירע ערשטע צוויי בחורים. דעם עלטערנס ערשטער נאמען איז געווען מנשה און דער צווייטער האָט געהייסן פייוועל, וועלכער האט זיך ווייניג אינטערעסירט מיט דער געזעלשאפטלעכער און קולטורעלער באוועגונג, וועלכע האט אנגעהויבן בליען צו יענער צייט.

אין יענער צייט האָט אויך אנגעפאנגען בליען און וואקסן דאס יידישע טעאטער, און פארכאפט די גאנצע פּראָגרעסיווע יוגנט פון יענער צייט, און עס האט זיך אנ- געפאנגען די ארגאניזירונג פון דראמאטישע פאראיינען פון זייער יוגנטלעכע לאנדס- לייט און פון זייערע באטרעפענדע שטעטלעך; און האָט אויך ניט אויסגעלאזט אונזער שטעטל. דער שרייבער פון די צײַלן און אויך מנשה גלאַזמאן, וועלכער איז געווען זייער א ליבלעכער אינטעליגענטער בחור. און דער עלטערער פעפירהאָלץ און נאך עטלעכע נעמען וועמען מיר האבן שוין פארגעסן. און אויב זיי לעבן נאָך און וועלן לייענען דעם איבערבליק, בעטן מיר פארגעבונג, ווייל מיר האָבן זיכער ניט געמיינט אבזיכטלעך אויסצולאָזן זייערע נעמען.

אלזאָ זענען מיר צוגעטראָטן צו דער גרינדונג פון א דראמאטישן פארייַן. מיר פלעגן האָבן אונזערע צוזאמענקונפטן ביי דער מוטער גלאַזמאן. עס האָט אָבער לאנג ניט אָנגעהאלטן, ווייל אין א קורצער צייט פון מאנאטן איז מנשה גלאַזמאן קראנק געוואָרן זייער שווער און נאָך א טאָג און איין נאכט איז ער געשטאָרבן. מיר זענען איבערצייגט אז וואָלט ער געלעבט, וואלטן מיר זיכער געהאט זייער אן איבער- געגעבענעם פריינד, און אויך איינעם פון די אינטעליגענטע ווארט-זאגער פון ברענטש 498. מיר ווילן דא באשטעטיגן אז אונטער דעם שרעקלעכן איינדרוק וואָס זיין טויט האָט געמאכט אויף דעם שרייבער, זענען מיר פארוואָגעלט געוואָרן אין אן אנדער קרייז פון חאטינער אינטעליגענטע יונגע-לייט, זייער טעטיג אין דער פּראָ- גרעסיווער און ראדיקאלער באוועגונג און אזוי ארום אָנגעקומען אין ארבעטער רינג מיטן חאָטינער יוגנט ברענטש 271.

אבער מיט מײן הארץ און מײן גאנצן װעזן בין איך געװען מיט דער הײפעלע באַװיסעליצער יונגע מענטשן, און אזוי איז געקומען דאס יאר 1910 און 1911. צו יענער צײט איז שוין אויך צוגעקומען נאך מער יונגע מענטשן פון אונזער שטעטל, און אזוי האָט זיך אָנגעפאנגען א באװעגונג צו ארגאניזירן א יוגנט פארײן װאו מיר זאלן קענען אנפירן אונזער אקטיװיטעט לויט אונזערע פרינציפן און לויט די נײע װינטן פון אויפקלערונג, װאו מיר זאָלן זיך קאָנען אויסלעבן װי קול-טורעלע און פרײ-געזאָנענע מענטשן. אויך װאו מיר זאָלן האָבן א פלאץ װאו אונזערע נײע אריבערגעקומענע מענטשן, יונגע לאנדסלײט, זאָלן קענען ארײנקומען און זיך אויסלעבן װי זײערע נײע איבערצײגונגען און געפילן װעלן זײ דיקטירן.

אזוי קומען מיר צו די ערשטע מיטינגען װאָס מיר האָבן געהאט אין טשארלי פרײנקס הויז. און מיט די מיטינגען האָט זיך אָנגעפאנגען א נײע עפּאָכע אין דעם לעבן פון אונזערע יונגע לאנדסלײט. עס האט אויפגעװעקט און אנגעצונדן א גע-װאלדיגן ענטוזיאזם אין אלע שיכטן פון אונזערע לאנדסמאנשאפטן און אפילו אײנ-געגרע מעמבערס פון אלט-געשאפענע קאנסערװאטיװע נאָװיסעליצער פארײנען, האָבן זיך אָנגעשלאסן אין אונזער באװעגונג צו שאפן א יוגנט אָרגאניזאציע, און אזוי נאָך אַ רײע מיטינגען האָבן מיר באלד אײנגעזען אז מיר מוזן האָבן אן אײגענע הײם, און מיר האבן אזוי געטאן, און געדונגען א מיטינג לאקאל און אנגעהויבן אונזערע מיטינגען און אנגעהויבן אויסברײטערן אונזער טעטיקײט, ביז עס איז געקומען דאס יאר 1912.

װען מען האָט ארויסגערופן די פּאָריערס אין א גענעראל סטרײק, און װי איר װײסט זענען א סך פון אונזערע לאנדסלײט געװען פאריערס, און פּאָלגליך זענען דער גרעסטער טײל פון אונזערע מעמבערס פון דעם נײעם "פארײן" געװען פארװיקלט אין דעם שװערן קאמף, צו געװינען יוניאָן קאנדישאנס און פארבעסערן זײער לעבן. דער סטרײק איז געװען זײער א פארביטערטער און זיך פארצויגן זײער לאנג, און כדי אָנצוהאלטן דעם קאמף האָט מען געמוזט האָבן א סאך געלט. און דאָ האָט דער שרײבער פון די שורות געהאט א מעגלעכקײט צו צײגן אז אונזער נײע יוגנט אָרגא-ניזאציע, איז װירקלעך דאָס װאָס עס האָט פּרעטענדירט צו זײן,- פּראגרעסיװ און אויך פאראינטערעסירט צו העלפן יעדן קאמף פון אונזערע ארבעטס-מענטשן, פאר א בעסער און שענער לעבן. מיר האָבן אויך פארגעשלאגן צו רופן א קאנפערענץ פון אלע בעסאראביער "פאראײנען" און אלע "לאדזשעס" און אויך ברענטשעס צו העלפן שאפן געלט כדי צו קאָנען אָנפירן דעם סטרײק ביז א זיגרײכער ענדע.

צו דער קאנפערענץ האָבן מיר אײנגעלאדן דער אָרגאניזער פון דער פאריערס יוניאן, איזידאר קאָהן, דעם הויפּט פירער פון סטרײק, װי אויך אונזער לאנדסמאן, משה בלעכמאן איז דאמאָלט געװען דער טשערמאן פון דעם גרויסן מיטינג, און נאך דעם שײנעם אפיל װאָס פרײנד איזידאָר קאָהן און נאָך אים אויך אײניגע פון אונזערע אײגענע מעמבערס, האָבן אפּעלירט צו די פארזאמלטע, איז אָנגענומען געװאָרן א רע-זאָלוציע, אז די קאנפערענץ פון אלע פארזאמלטע בעסאראביער לאנדסמאנשאפטן פאר-פליכטן זיך צו זאמלען אזויפיל געלט װי עס איז נאָר מעגלעך, צו העלפן די פּא-ריערס דערפירן דעם סטרײק צו א זיגרײכע ענדע. און אזוי האט דאס פאסירט אז און-זער יוגנט "פארײן" האָט אנטײל גענומען אין א קאמפּײן אויף דעם עקאנאמישן פראָנט.

יעצט קומען מיר צום יאר 1913. נאך לאנגע מיטינגען און זאכלעכע און ערנסטע דעבאטן, האָבן מיר אײנגעזען, אז כדי צו קאָנען אָנפירן אין קולטורעלער און פּראגרעסיװער ארבעט, מוזן מיר זיך באפרײען פון די פארפלאנטערטע פּראָבלעמען פון פארשידענע אינשורענס; װי קראנקען בענעפיט, טויטן בענעפיט, מעדיקאל קאנ-סאָמפשאן, װאָס אין יענע יאָרן איז דאָס פארדעכענט געװאָרן פאר זײער און זײער װיכטיג. און דאָ האָבן מיר אויך אײנגעזען אז די צײט איז געקומען אז מיר זאָלן זיך אנשליסן אין אן אָרדען. אזוי װי דער שרײבער פון די שורות און אויך מײן חבר הערי פעפּערהאלץ, זײנען צו יענער צײט שוין געװען מעמבערס פון ארבעטער רינג, האָבן מיר פארגעשלאגן, אז אזוי װי מיר זענען א פּראגרעסיװע אָרגאניזאציע, איז ניט מער װי רעכט, און אויך פּראקטיש זיך אָנצושליסן אין אזא פּראָטערנאלער ארבעטער אָרגאניזאציע, װעלכע פארנעמט אזא װיכטיגן פלאץ אין דעם אלגעמײנעם יידיש געזעל-שאפטלעכן לעבן. און אזוי האָבן אויך אלע מעמבערס אײנגעשטימט. אזוי זענען מיר מיט מזל אין יוני 1913 געװאָרן א ברענטש פון דעם ארבעטער רינג.

מיר האבן דורכגעפירט אלע פארפליכטונגען וואס די קאנסטיטוציע פון ארב. רינג פאדערט פון יעדן ברענטש און אירע מיטגלידער און אויך די אקטיוויטעטן וואָס מיר האָבן זיך פרינציפיעל פארפליכטעט ביזן יאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע און דער ערשטער וועלט מלחמה. נאָך דעם ווי דער קריג איז פארענדיגט געווארן און די ערשטע האָניג יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע זענען אריבער, האָבן ערשט דאן די קאמוניסטישע פארטייען אין אלע לענדער פון דער וועלט, אָנגעפירט און דיקטירט אין מערסטן טייל פינאנסירט פון רוסלאנד אנגעהויבן די פארניכטונגס-ארבעט פון וועלן איבערנעמען אלע ארבעטער אינסטיטוציעס; ווי יוניאָנס אויך פאליטישע פארטייען, ווי אויך פראטערנאלע אָרגאניזאציעס. און דאָ קומט אויך אריין דער ארבעטער רינג און אירע ברענטשעס:

צו באשרייבן דעם גאנצן קאמף איז ניט אונזער אבזיכט. מיר וועלן נאָר איבערגעבן איינציגע שטריכן, אויף אזוי וויט ווי עס האָט אנגערירט די ברענטשעס, און אויך ניט דורכגעלאָזט אונזער ברענטש. זייער פלאַן איז געווען צו פארכאפן צו ערשט די גרויסע ברענטשעס, מיט דעם געדאנק אז די קלענערע וועלן זיכער נאָכפאָלגן. די מעטאָדע זייערע איז געווען אריינצושיקן זייערע איבערגעגעבענע "יידישע" קולטור טוער; ווי שרייבער און אויך יוניאָן פירער און אויך געזעלשאפטלעכע טוער אלס מעמבערס, און אז זיי וועלן זיין אין די ברענטשעס, און צוזאמען מיט זייערע נאָכפאָלגער וועלן זיי קאנען אָנפאנגען די אקציע פון איבערנעמען די גרויסע ברענטשעס און טאקע נאכהער דעם גאנצן ארבעטער רינג. זיי האָבן זיך אָבער ניט גערעכנט אז די אנפירערשאפט פון ארבעטער רינג ווייסן אויך פון דער פראָפעסיע פון געבן איבער די הענט.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן די ארבעט פון אויפלייזן די גרויסע ברענטשעס, וואו זיי האָבן געהאט א מערהייט און זיי ארויסגעשטויסן און געלאָזט אין דרויסן. אויך אונזער ברענטש איז ניט אויסגעלאָזט געוואָרן פון דער וואקכאנאליע. דער אונטערשיד איז נאָר געווען, וואָס אונזער ברענטש איז געווען א קלענערער, אין גאנצן 150 אָדער 160 מיטגלידער, און די מערהייט איז געווען אויף דער זייט פון ארבעטער רינג, און לינק געשטימטע איז איינגאנצן געווען א 15 אָדער העכסטנס 20 מיטגלידער. די פראָבלעם איז אבער באשטאנען אין דעם, וואָס די גרעסטע צאָל פון אונזערע מיטגלידער זענען ניט געקומען צו די מיטינגען און די קלענערע צאָל איז דוקא יאָ געקומען צו אלע מיטינגען אָרגאניזירט. און אזוי האָט זיך אנגעהויבן די צוויסטיקייטן און מיינונגס פארשידנהייטן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן בילדן אין די געדאנקען פון די לאָיאלע מעמבערס, אז אפשר וואָלט געווען א פלאן, אז מיר זאָלן אויך שפאלטן דעם ברענטש. אָבער איינציגע, און דער שרייבער פון די שורות אריינגערעכנט, איז געווען דאגעגן אזא ראדיקאלן שריט. און ביי זיין איינציגע מיטינגען און שטודירענדיג און אפשאצענדיג די לאגע און די גרופע לינקע, זענען מיר געקומען צום שלוס, אז זיי האָבן קיין געדאנק צו פארכאפן דעם ברענטש אָדער צוברעכן. איינזעענדיג, אז מיר שטימען ניט איין צו צושפאלטן די אָרגאניזאציע, זענען א גרופע פון די רעכטע, א 15 אדער 16, זיך טראנספערירט צו אָן אנדערן רעכטן ברענטש, און די צייט האָט געצייגט אז מיר זענען געווען גערעכט, אין אונזער אפשאצונג פון דער גרופע לינקע, ווייל עס איז געקומען דער רוף פון דער קאמוניסטישער פארטיי, אז זיי זאָלן פארלאָזן די ברענטשעס פון ארבעטער רינג און זיך אָנשליסן אין אינטערנאציאנאלן אָרדן, זענען פילע, ניט די גאנצע גרופע ארויס, בלויז א 14 מיטגלידער.

אין דער אמתן מוז געזאגט ווערן אז ארויס זענען, צום גרויס באדויערן, די בעסטע פונם ברענטש 498. מען קען זאגן, אז אין דערווירקלעכקייט זענען זיי געווען געטרייע און איבערגעגעבענע מעמבערס פון זייער מוטער ארגאניזאציע - דער נאוויסעליצער פראגרעסיוו ברענטש 498.

אבער ווי איר קאנט פארשטיין איז קיין געזונט צו אונזער ברענטש ניט צוגעקומען, ווייל ווי איר זעט איז אין ביידע באשריבענע פאלן, האבן די בעסטע און אקטיווסטע מעמבערס פארלאזן אונזער באליבטע און געשעצטע ארגאניזאציע, און אלעס וואָס מיר האָבן געקענט טאן, איז ווארטן און אנהאלטן ביז א גינסטיגער געלעגנהייט וועט קומען און דאן צוריק אויפבויען און פארשטארקן אונזער ברענטש.

אזא געלעגנהייט איז געקומען אין דער פארמע פון צוויסטיקייטן און שפאל-טונגען אין די קאמוניסטישע רייען, און א סך פון די אלטע מעמבערס האבן זיך אויסגעניכטערט און צוריקגעקומען און מיט זיי א סך נייע מעמבערס און מיט דער הילף פון דזשענעראל אפיס, האָבן מיר געמאכט זייער צוריק-קומען לייכט און צו-געגנגלעך.

אזוי האט זיך אנגעהויבן א נייע עפאכע פון ארבעט און אקטיוויטעט אין אונזער ברענטש אויף אלע געביטן - קולטור און געזעלשאפטלעכע און אויך ספע-ציעל אויף אונזער לאנדסמאנשאפט סביבה, זענען מיר געווען פאראינטערעסירט, וויל ווי מיר אלע ווייסן האט ברענטש 498 אלע מאל אגיטירט און פראפאגאנדירט טריפטלעך און מינדלעך, די וויכטיקייט פון א דערנענטערונג פון לאנדסמאנשאפט ארגאניזאציעס, וויל מיר האבן איינגעזען אז זייער גאנצער עקזיסטענץ האָט ניט קיין פעסטן באָדן אונטער זיך. די מעמבערס ווערן אלט און א טייל שטארבן אויס. קיין סך נייע קומען ניט צו, זייערע קינדער האָבן ניט קיין אינטערעס צו באלאנגען מיט זיי, איז פארשטענדלעך, אז עס מוז קומען א צייט ווען זיי וועלן זיך געפינען אין גרויסע שוועריקייטן.

מיר אלס די מער אויפגעקלערטע און מער פראקטישע האבן געפילט אויף זיך א חוב אז אלס באוויסטליצער דארפן מיר זיי אויפקלערן און העלפן, אויב מעגלעך, דעם פראבלעם צו ליידן. נאָר מיר האָבן דאס געמוזט אפלייגן אויף א קורצער צייט וויל מיר זענען געווען פארנומען מיט זייער וויכטיגע ארבעט וואס מיר זענען געווען געוואלדיג פאראינטערעסירט. און דאס איז נעמלעך געווען די ארגאניזירונג פון אונזערע אייגענע פרויען אין א פרויען קלוב און מיר שטרייכן דאס אונטער, אז אין א קורצער צייט איז אונזער פרויען קלוב ארגאניזירט געווארן. מיר קאָנען אייך גארניט באשרייבן די געוואלדיגע פרייד און ענטוזיאסטישע דערהויבונג וואָס דער אקט פון ברענטש 498 האט ארויסגערופן צווישן אונזערע אייגענע פרויען און אויך אין די אָרגאניזאציעס פון אונזער נאָוויסעליצער לאנדסמאנשאפט. די אקטיוויטעט און באגייסטערונג פון אונזער גאנצער מעמבערשיפ איז געווען אומבאשרייבלעך.

און ווען מיר האבן געזען אז אונזער ברענטש איז ווייטער אוועקגעשטעלט גע-וואָרן אויף א געזונטן יסוד, האבן מיר זיך אומגעקערט צוריק אויפצונעמען דעם אלטן פראבלעם פון דערנענטערן די אלע נאָוויסעליצער ארגאניזאציעס און מיר האבן פארורופן א קאנפערענץ פון די באטרעפענדע, און מיר האָבן פארגעשלאגן דעם ערשטן פלאן: נעמלעך, אז אלע ארגאניזאציעס זאלן אָפדינגען איין גרויסן אפארטמענט, אויב מעגלעך אין א פריוואטע הויז, און אנשטאט מיר זאלן האבן באזונדערע מי-טינג-לאקאלן צו האלטן אונזערע מיטינגען, זאָלן מיר אלע אין באזונדערע טעג האבן אונזערע זיצונגען. און דאס האט געדארפט זיין די ערשטע שריט פון דער-נענטערונג. דער פלאן האט ארויסגערופן גרויס באגייסטערונג און מיר האָבן פאר א לענגערער צייט אָנגעפירט פארהאנדלונגען און עס האט אויסגעקוקט אז עס איז דא גוטע אורזאכן אז דער פלאן זאל פארווירקלעכט ווערן.

נאָר דא האָט פאסירט אזוינס וואס די בלויזע דערינערונגען רופט ארויס א פיינלעכן און פארדריסלעכן ווייטיג. און דאָס איז וואס איינציגע פון אונזערע אייגענע מענטשן מיט זייערע צוריקגעשטאנענע און פארטשעמפטע מוחות האבן ניט פארשטאנען און ניט געוואָלט פארשטיין וואס דאָס וואָרט פראָגרעס מיינט, און צוליב פערזענלעכע אבזיכטן האָבן זיי זיך פאראייניגט מיט איינע פון די אנדערע אָרגא-ניזאציעס, און מיט אבזיכטלעכע פארלוימדונגען און פאלשע קלאנגען און פאר-דרייטע פאקטן, איז זיי געלונגען אפצוקילן די באגייסטערונג פון די אנדערע אָרגאניזאציעס און נאָך לאנגע פארהאנדלונגען און דערקלערונגען איז דער פלאן ניט צושטאנד געקומען. אבער דער ברענטש האט זייערע "ליסטונגען" קיינמאל ניט פארגעסן און זיי האָבן געקראָגן זייער פארדינטע באציאונג פון אונזער ברייטער מעמבערשיפ, אזוי אז אין א קורצער צייט האָבן זיי געפילט געצוואונגען זיך צו טראנספערירן צו אנדערע ברענטשעס פון ארבעטער-רינג.

און יעצט טריי צו אירע פרינציפן פון א געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציע האָבן מיר גענומען אויסארבעטן נייע אקטיוויטעטן. איר ווייסט ווארשיינלעך וועגן דער גרויסער מוראדיגער וועלט-קריג, וואָס איז אָנגעגאנגען אין יענער צייט. און אזוי ווי צו אלעס מוז נעמען אן ענדע, אזוי האט אויסגעקוקט יענע צייט, אז די ענדע איז שוין ניט ווייט, ווען צו דעם באטרעפנדיגן קריג וועט אויך נעמען אן ענדע, נאר ברענטש 498 האט ניט געוואָלט ווארטן ביז צו דער ענדע. מיר האָבן געפילט אז אונזער חוב אלס א נאָוויסעליצער אָרגאניזאציע, איז צו זען שאפן די פלענער און די מאשינערי צו זאמלען הילף, אז ווען עס וועט נעמען אן ענדע פון קריג, זאָלן מיר זיין אן אָרגאניזירטע הילף אינסטיטוציע צוזאמענגעשטעלט פון אלע נאוויסעליצער סאָסייעטיס, כדי מיר זאָלן קענען אויך אויסזוכן די אלע איבערגעבליבענע שטיקלעך און גרופקעס פון אונזערע אומגליקלעכע לאנדסלייט אויף דער אנדערער זייט ים. דאָס דורכצופירן האָט ברענטש 498, געטריי צו אירע טראדיציעס, אלס געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציע, באשלאסן צו רופן א קאָנפערענץ פון די 3 סאָסייעטיס און פון די נאָוויסעליצער וואָס האָבן ניט באלאנגט ביי אונז און נישט ביי זיי. די אלע פארשטייער זיינען זיך צוזאמענגעקומען און אזוי איז דער נאָוויסעליצער רעליף געגרינדעט געוואָרן, און אָנגעהויבן ארבעטן אויף א פראקטישן און אויסגעארבעטן פלאן; און וואָס דער נאָוויסעליצער רעליף האט אויפגעטאן אין שאפן געלטער און זיי פארטיילן צווישן די איבערגעבליבענע אומגליקלעכע, וואו זיי זיינען ניט געווען, לאָזן מיר איבער אויף אן אנדער צייט, ווען עס וועט זיך מאכן א געלעגנהייט צו שרייבן די היסטאָריע פון דעם נאָוויסעליצער רעליף.

אזוי האט ברענטש 498 נאָך אמאל געמאכט א גוואלדיגע אנשטרענגונג, אונזערע נאוויסעליצער לאנדסמאנשאפטן זיך צו דערנענטערן, און מיט דער צייט נאָך אמאל אויפנעמען און ארומרעדן די שווערע פראבלעמען וואָס האָבן ארומגעכאפט אלע געזעלשאפטלעכע פראטערנאלע און בענעפיט אָרגאניזאציעס, זינט אמעריקע האט פארמאכט די טויערן פאר די נייע אימיגראנטן און איינגעפירט קוואטעס, וואס נאָך אונזער מיינונג דיסקרימינירן קעגן ספעציעל די געגנטן פון יענער זייט ים, פון וואנען מיר וואָלטן געקענט רעקרוטירן נייע קאנדידאטן פאר אונזער ארגאניזאציע.

נאָך ליידער מוזן מיר נאָך אמאָל באשטעטיגן און מיט גרויס באדויערן אז אונזער אנשטרענגונג האָט ניט געהאט קיין דערפאָלג -- פארוואָס? וועלן מיר זיך ניט אריינלאָזן אין באשולדיגן און אפפרישן לאנג פארגעסענע שמערצלעכע ערינערונגען און עקספּירענסעס. און לאָמיר זיך צופרידנשטעלן מיט דעם פאקט, אז ברענטש 498, געטריי צו אירע טראדיציעס, האָט אלע מאָל גענומען די איניציאטיווע צו דערפילן איר חוב, אלס א לאנדסמאנשאפט ארגאניזאציע.

און יעצט וועלן מיר זיך צוריק אומקערן צו אונזערע אייגענע פראבלעמען; און מיר מוזן דא שארף אונטערשטרייכן און באשטעטיגן דעם פאקט, אז עס איז אריינגעטראָטן א זייער ערנסטע רעאקציע אין דער באציאונג פון אונזערע מעמבערס צו דעם ברענטש און צו דעם פרויען קלוב. עס איז אָנגעגאנגען א סך צווייסטיקייטן און מיספארשטענדענישן צווישן די פרויען פון קלוב און דאָס האָט געשטערט די ווירקלעכע אקטיוויטעטן פאר וועלכע דער קלוב איז געגרינדעט געוואָרן. און די אלע צווייסטיקייטן האָבן געפירט צו א צושטאנד, וואו די קליינע צאל פרויען וואָס זיינען געווען אקטיוו אין דער ארבעט און די פירענדע גייסטער פון דעם קלוב, זענען אינגאנצן אָפּגעקילט געוואָרן און פארלוירן דעם גאנצן אינטערעס אין זייער אָרגאניזאציע און גענומען פארלאנגען אז מען זאל דעם גאנצן קלוב אויפלייזן. און אזוי ווי זיי זענען מעמבערס פון ברענטש, וועלן זיי העלפן אין דער אקטיוויטעט פון ברענטש. מיר האָבן קיין אנדער אויסוועג ניט געזען און מיר זענען נאָכגעקומען זייער פארלאנג. אָבער די גאנצע פאסירונג האָט אריינגעבראכט אין א זייער ערנסטער רעאקציע און זייער געשעדיגט די ווייטערדיגע אינטערעסן פון ברענטש. קיינע נייע מעמבערס זענען ווי געווײנלעך ניט אריינגעקומען. א סך פון אונזערע מיטגלידער זענען קראנק געוואָרן, א סך זענען אויסגעשטאָרבן.

א צאל פון די גאר אקטיווע וועלכע זענען אלע מאל געווען אויף דער וואך, ווען דער ברענטש האט זיך געפונען אין א קריטישער לאגע, האבן דאס מאל פארפעלט צו קומען צו הילף זייער באליבטן ברענטש: פארוואס דאס האט אזוי פאסירט? דאס איז שוין א קאפיטל וואס דארף באזונדערס באהאנדלט ווערן און מיר וועלן דאס לאזן פאר אן אנדער געלעגנהייט, און מיר וועלן בעסער באהאנדלען א פריילעכן קאפיטל.

הערט און שמייכלט: א מיטגליד וועלכער איז אריינגעקומען צו אונז אין ברענטש, אויף אונזער רעקאמענדאציע און איז גאר ווייט אוועק פון נאוויסעליץ, האט זיך דא אין ניו יארק באקענט מיט א סך נאוויסעליצער דורך פארשידענע אומשטענדן, איז אזוי אויסגעמישט געווארן מיט די נאוויסעליצער, אז מיר גלויבן אז ער טראכט גאר ניט, און אפשר האט ער שוין לאנג פארגעסן פון וואנען ערקומט. ער ווייסט נאר איין זאך, אז די נאוויסעליצער זענען זיינע לאנדסלייט - און ווייסט איר ווער דאס איז? נאר לאמיר אייך מער ניט פלאגן אזויפיל, זיין נאמען איז ווילי אדער וועלוועל טארייסקי און דער טארייסקי, מיט אונזער יאסל קארנפעלד האבן צונויפגענומען די עטלעכע מעמבערס וועלכע האבן געוואלט העלפן און זיין אקטיוו אין אנהאלטן דעם ברענטש - און דא, ליבע פריינד, אויב איר געדענקט נאר, ווען איר וועט לייענען די קורצע היסטאריע, איז אין אנפאנג פון אונזער שרייבן האבן מיר געזאגט אז מיר וועלן זיין "אביעקטיוו", איז ניט קוקענדיג דערויף וואס די באציאונג פון דעם שרייבער פון די שורות צו טארייסקי, זענען געווען אין יענער צייט שטארק אנגעשטרענגט, מען קען זאגן איבגאנצן איבערגעריסן,- און איינע פון זיינע האנדלונגען אלס טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו זענען ניט געווען אין איינקלאנג מיט די אנגענומענע טראדיציעס פון אונזער ברענטש אין אלע יארן פון זיין עקזיסטענץ, פרייט אונז דאך צו באשטעטיגן דעם פאקט אין יעצטיגן מאמענט, ווען מיר גרייטן זיך פייערן אונזער 50-יאריגן יום טוב; איז ווען ניט טארייסקי ווייס איך ניט צו מיר וואלטן אומשטאנד געווען צו פייערן אזא 50-יעריגע עניווערסארי.

אנהאלטענדיג די פירערשאפט מיט אזא קליינע גרופע, פאר אזוי לאנג ווי א 7 אדער 8 יאר אונטער אזעלכע אנגעשטרענגטע אומשטענדן, פארדינען זיי הערלעך אונזער דאנקבארקייט און גראטולאציע. אבער ווי לאנג קען אזא קליינע גרופע אנגיין מיט אזא אנגעשטרענגטער אקטיוויטעט? ווי לאיאל און איבערגעגעבן זיי זאלן ניט זיין צום ברענטש, מוז קומען א צייט ווען זיי זאלן אויסגעמאטערט ווערן. און איר דארפט פארשטיין אז יונגער זענען זיי אויך ניט געווארן. מיר וואלטן אייך אנגעגעבן אלע נעמען, נאר איינציגע זענען שוין געשטארבן און עס קען טרעפן אז מיר זאלן ביי אן אומשולדיגן מיסטייק (טעות) ארויסלאזן א פאר ניט-דערמאנענדיג זייערע נעמען און זיי וועלן זיך פילן געקריינקט און באליידיגט, און דאס ווילן מיר זיכער ניט, ווייל זיי האבן דאס זיכער ניט פארדינט, וועלן מיר בלויז דערמאנען די הויפט סאן-געבער, נעמלעך: טארייסקי, קארנפעלד, יאזלאוויטש, אונזער אייביגער פראטאקאל סעקרעטאר און אונזער קעשיר הערי נודעלמאן. איז, ווי געזאגט, זענען זיי אלע מיד געווארן פון דער שווערער ארבעט, האט זיך געשטעלט ביי זיי די פראגע, וואס וועט ווייטער זיין? און אז מען האלט נאר אין איין פרעגן זיך, מוז מען מיט דער צייט געפינען אן ענטפער, און זיי האבן געפונען, וועט איר אוודאי פרעגן וועמען? איז ווארום זאלט איר ניט וויסן - דעם אלטן אויסגעפרובירטן און געטרייען פיאיגן ברענטש טוער, אונזער באליבטן דייוו פאלישאק.

דייוו האט זיך אביסל פון אנפאנג געקווינקלט, ניט דערפאר ווייל ער האט ניט געוואלט, נאר דערפאר, ווי איר ווייסט, איז ער אויך ניט מער קיין יונגערמאן און ער האט געהאט מורא אז זיינע קרעפטן וועלן אים ניט דערלויבן. נאר וואס ער האט ניט געוואוסט, אז די עטלעכע "שלעקן" האבן זיך אויף אים אנגעזעצט. איז ער פארטיג ווי אן "אפגעקאכטע וועטשערע." און אזוי האט זיך דייוו פאלישאק צוריק אריינגעווארפן אין די אקטיוויטעטן פון ברענטש, און פארשטענדלעך, אז די "כאליאסטרע" האבן אים געדארפט געבן א צוזאג, אז זיי וועלן ארבעטן מיט אים געטריי און ערלעך, און מיר מוזן דא קאנסטאטירן אז זיי האבן געהאלטן זייער ווארט 100 פראצענט, און אזוי איז מיט דער טיכטיגער ארבעט פון אונזער ברענטש און מיט דער הילף פון דער גאנצער עקזעקוטיוו זיך אנגעהויבן א נייע אויפלעבונג אין אונזער ארגאניזאציע און מיט זייער באשלוס צו ענדערן דעם דאטום פון אונזערע מיטינגען אויף זונטאג אנשטאט, וואס מיר פלעגן האבן פרייטאגס. די דאזיגע ענדערונג האט גאר אריינגעבראכט א באציאונג פון דעם אינטערעס פון אלע אונזערע מעמבערס און די מיטינגען זענען

געוואָרן מער לעבהאַפט און די באַציאונג מער ענטוזיאַסטיש און אַזוי האָבן מיר געקאָנט צוטרעטן צו דער אַרבעט פון פייערן איבער 50 יאָר נאָוויסעליצער פּראַגרעסיוו ברענטש 498 אַרבעטער רינג.

יעצט, אַז מיר זענען צוגעקומען צום פּונקט פון אָפּשאַצן, צי האָט דער ברענטש 498 דורכגעפירט אירע פּלענער אויף אַלע געביטן, נעמלעך, פּראָגרעסיווע אידישע פּראַטערנאַלע, קולטורעלע, לאַנדסמאַנשאַפטלעכע און אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע, — קענען מיר ענטפערן מיט אַ ריינעם געוויסן און אַ קלאָרן געדאַנק, זאָגן אַ יאָ; און מיר, די איבערגעבליבענע מיטגלידער, האָבן פאַרדינט דאָס רעכט זיך צו פרייען מיט דעם 50-יאָריגן עקזיסטענץ פון ברענטש 498.

און יעצט, נאָך דעם ווי מיר האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך אייך צו געבן אַ קורצן איבערבליק און אונטערגעצויגן דעם חשבון, ווילט זיך פרעגן-און וואָס ווייטער? וואָס בלייבט אונדז צו טאָן, ווען מיר וועלן שוין ניט זיין דאָ — אַז אַן אָנפאַנג מוז קומען צו אַ ענדע, האָבן מיר שוין אייך דערקלערט, זעען מיר בלויז איין שטראַל פון האָפענונג, און דער שטראַל ווערט מיט דער צייט שיינען העלער און העלער און וואָס מיר מיינען דערמיט איז וואָס דער קאָנגרעס פון אונזער "אַדאָפּטעד" לאַנד, האָט יעצט אַ פּראָיעקט צו עפענען די טויערן פון אונזער לאַנד ברייטער און ברייטער, און דאָס וועט דערמעגלעכן פאַר אַ סך פון אונזערע אידישע ברידער צו דערגרייכן אונזער געבענטשט לאַנד.

וואָס מיר דאַרפן טאָן, איז האַלטן אַן אָפן אויג, ווען די געשעענישן וועלן פאָרקומען און טרייען אַריינקריגן קאַנדידאַטן פאַר אונזער ברענטש, פון די ניי-אָנגעקומענע. אַז מיר וועלן דאָס ניט פאַרנאַכלעסיגן, וועלן מיר האָבן געלייזט דעם פּראָבלעם, אַזוי אַז עס וועט זיין ווער עס זאָל איבערנעמען דעם ברענטש ווען מיר וועלן דאָ ניט זיין.

זייט הערצלעך געגריסט צו אייער פאַרדינטן יום טוב פון 50 יאָר עקזיסטענץ פון ברענטש 498, אַרבעטער רינג.

## א באגריסונג פון אונזער עקזעקוטיוו טשערמאן

חשובה פריינד:

צו דער געלעגנהייט פון אונזער יום טוב, און צו אייניגע וואָס פילן זיך ניט באקוועם אין דער היינטיגער צייט צו פייערן א יום טוב, וויל איך רעדן ניט אין א שטימונג פון פארצווייפלונג, נאָר אין א שטימונג פון בטחון.

און איך דערמאָן זיך, ווי עס לויפן די יאָרן. אָט פייערט שוין ברענטש 498 זיין 50־יאָריגן געבוירן־טאָג. ווי שנעל די יאָרן זענען אוועק, דאָך האָט ברענטש 498 אנגעשריבן א וואונדערבארן בלאט אין דער געשיכטע פון "ארבעטער רינג", ווי אויך אין דער געשיכטע פון אונזער יידישן לעבן אין אמעריקע.

אמת, עס מוז געזאָגט ווערן, אז די לאגע פון אונזערע ברידער און שוועסטער איבער געוויסע טיילן פון דער וועלט זענען טראגישע: היילגע אידעאלן ווערן היינט געטראָטן מיט די פיס. פילע פון אונז גייען ארום אנטוישטע אין דעם גלויבן וואס איז זיי זייער טייער. פארגעסט אבער ניט, טייערע פריינד, אז געשיכטע שטייט ניט אויף איין אָרט. דער פונק פון גלויבן קען נאָר ווערן פארטונקעלט, אָבער קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן.

איז דעריבער, וואָס עס איז נייטיג היינט צו טאָג איז אייניקייט, מיט אייניקייט וועלן מיר אלעס איבערטראגן, און ווען מיר ווייסן אז מיר זענען פון די גליקלעכע וואָס באלאנגען צו דער ארבעטער רינג משפחה דארפן מיר ניט זיין פארצווייפלט מיט דער לאגע פון אונזערע שוועסטער און ברידער אין מדינת ישראל, ווי אויך אין אנדערע טיילן פון דער וועלט. מיר דארפן זיך אננעמען מיט כוח און פארקערפערן אונזער היינטיגן יום טוב אין א שטארקן רינג פון אייניקייט.

נעמט אָן מיין הארציגע ברכה צו אונזער גרויסן יום טוב און נאָר מיט בטחון וועלן מיר אלעס בייקומען.

זייט אלע געגריסט: אייער,

יודל קאצמאן



50

# באגריסונג פון אונזער פינאנס סעקרעטאר

## צו אונזער 50-יאריגן יובל פון ברענטש 498

טייערע פריינד:

מיר פייערן היינט דעם 50-יאריגן יובל פון אונזער ברענטש 498 ארב. רינג. די פייערונג איז דער וויכטיגסטער יובל פון די אלע פייערונגען, וואָס מיר האָבן געפייערט ביז יעצט. די גרינדונג און די איינסטאלירונג איז געווען זייער א שווערע ביז מיר האָבן געקראָגן דעם נומער 498, ווייל אין יענער צייט האָט מען געמוזט האבן 25 מעמבערס. די אנשטרענגונג איז ניט געווען אומזיסט. אין דעם 1-טן דזשולאי, 1913, זענען מיר איינסטאלירט געוואָרן און געוואָרן א טייל פון דעם גרויסן ארבעטער רינג.

צו באדויערן, וואָס די יעניגע וואָס האָבן אוועקגעגעבן טעג און נעכט אז מיר זאָלן ווערן א ברענטש זענען היינט ניטאָ מיט אונז זיך צו באטייליגן אין דעם גרויסן יום טוב. אין יענער צייט איז דער ברענטש געווען דער ווינקל, וואו די ניי-אריבערגעקומענע פון באָוויסעליץ, האָבן זיך געטראָפן מיט די לאנדסלייט, און אויך זיך געשאפן דורך דעם ברענטש א סך פריינד. אין פארלויף פון די יאָרן האָט דער ברענטש זיך באטייליגט אין אלע ארבעטער רינג אונטערנעמונגען און דער ברענטש אליין האָט אנגעפירט זיינע אייגענע טעטיקייטן - קולטורעלע און אויך פארשידענע אנדערע אונטערנעמונגען, ספעציעל אין העלפן אונזערע מעמבערס פינאנציעל, אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך געווען.

דער ברענטש האָט זיך אויך באטייליגט אין דעם רעליף קאָמיטעט וואָס איז געשאפן געוואָרן. גרויסע סומען זענען פארטיילט געוואָרן, אין העלפן די אלע לאנדסלייט וואָס זענען געווען צעזייט און צעשפרייט. און אונטערציענדיג דעם סך הכל בין איך שטאלץ מיט דער ארבעט וואָס איך האָב זיך באטייליגט אין די אלע יאָרן וואָס דער ברענטש עקזיסטירט און איך שעץ זיך גליקלעך, וואָס זייענדיג איינער פון די 25 מעמבערס וואָס האָבן דערלעבט דעם 50-יאריגן יובל. לאמיר ווינטשן און האָפן נאָך צו פייערן דעם 55-יאָריגן יובל.

אין מיין נאָמען און אין מיין פרוי'ס נאָמען -
באגריס איך אייך און ווינטש אייך אלעס בעסטע און
אלע צוזאמען צו פייערן נאָך יובילייס פון בר. 498.

פריינד און פריינדינע רחל און דוד פאלישאק

: : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : :

# גלויבן און האָפענונג

## פון יוסף קאָרנפעלד

טייערע פריינד פון ברענטש 498 א.ר.:

יום טובים זיינען אלעמאל א רעזולטאט פון געוויסע דערגרייכונגען. זיינען די דערגרייכונגען דערפאלגרייכע, איז דאָ אן אורזאכע פאר א יום-טוב, ווייל א יובילײ פון א ברענטש איז דער יום טוב אויסדרוק, אין איינקלאנג מיט דער אָפּגעטאָנענער ארבעט. אָבער גלייכצייטיג איז, אז אין די יום טוב טעג, אין דער צייט ווען מיר פייערן אונזער 50-יאָריגן יובילײ א בליק צו טאָן אויף צוריק און זיך א פרעג טאָן – האָט זיך געלוינט די ארבעט. איז די ארבעט נויטיג היינט? דער אמת איז אז 50 יאָר איז אין דער לענג פון דער געשיכטע ניט קיין הויכער ציפער, אָבער גאר ווייט פון צו זיין א קליינער. אָבער אנדערש קוקן אויס די לעצטע 50 יאר, וואָס האָבן איינגעשלונגען הונדערטער יאָרן פון פריערדיגן לעבן – פון דער וועלט ציוויליזאציע און קולטורעלן לעבן, מיט אלע געשעענישן און איבערקערענישן. פון אָט דעם שטאנדפונקט דארפן מיר אָפּשעצן די 50 יאָר עקזיסטענץ פון נאָוויסעליצער ברענטש נומער 498.

און ווען מען קוקט זיך נעענטער צו, זעען מיר אז אונזער ברענטש האט געלעבט מיטן אָטעם פון דער צייט. און ער האָט וואָס ארויסצוברענגען אין דעם סך-הכל פון זיין 50 יאָריקן עלטער, ווייל עס איז ניט פאראן קיין איין געביט פון לעבן און קאמף אין וועלכן אונזער ברענטש זאל ניט האָבן דורכגעלעבט און געהאָלפן קעמפן פאר א שענער און בעסער וועלט. דאָס אליין מעג דערפרייען יעדן איינעם מיטגליד פון אונזער ברענטש.

און שטייענדיג זיך אויף אונזער פארגאנגנהייט, זיינען מיר פול מיט האָפענונג, ניט נאָר פארצוזעצן אונזער נוצלעכע ארבעט אין דעם זעלבן גייסט, נאָר ווייטער אָנגיין מיט אונזער טעטיקייט אויף אלע געביטן, אויף וועלכן אונזער ברענטש האָט זיך אויסגעצייכנט.

מיט דעם היינטיגן יום טוב אונזערן, ווילן מיר הויפטזעכלעך אונטערשטרייכן, אז מיר לעבן, מיר עקזיסטירן און האלטן פעסט אונזערע פאָזיציעס. מיר ווילן פארזיכערן אונזערע פריינט, אז די שרעקלעכע איבערלעבונגען, וואס די וועלט אין אלגעמיין, און אונז אידן באזונדערס: האבן אונזערע הענט ניט אפגעשוואכט און מיר וועלן ווייטער אָנגיין מיט אונזער ארבעט פאר די אלע גרויסע צילן צו וועלכע אונזער ברענטש האט געווידמעט ביז איצט. ניט קוקנדיג וואָס, כאָטש, מיר זיינען עלטער געוואָרן, וועלן מיר ניט אָפּשטיין פון אונזער הייליגער אויפגאבע און נאך מיט מער עקשנות זיך נעמען צו דער ארבעט.

ניין, מיר האבן ניט אָפּגעלאזט אונזערע הענט. "יאוש", איז א סימן פון שוואכקייט און אויב מיר פארמאָגן אין זיך דעם מענטשלעכן כאראקטער דארפן מיר קענען ליידן אלע איבלען פון אונזער צייט. יסורים און ליידן, דערמוטיגן צום קאמף. ברענטש 498 האט אויף זיין לאנגען וועג פון די 50 יאר באגעגנט ניט איין שטראָם, און מיר זיינען זיי אלע בייגעקומען, א דאנק זיינע פייאיגע פירער און א דאנק זיין איבערגעגעבענער מיטגלידערשאפט.

צו אונזער היינטיגן יום טוב וויל איך ווינטשן אונזערע באאמטע און דער גאנצער מיטגלידערשאפט מוט און קראפט אָנצוגיין מיט דער ארבעט. לאָמיר מיט באנייטע כוחות אָנהאלטן אונזער שיינעם נאָמען. זאָל דער היינטיגער יום טוב נאָך אמאָל פארשרייבן א שיינעם קאפיטל פון אונזער באלעבטן ברענטש 498. זייט אלע הארציג געגריסט און ווי אמטנעלסטן צו פייערן דעם זיג איבער אונזערע שונאים וואָס ווילן פארניכטן אונזער היימלאנד – מדינת ישראל און דערלעבן א וועלט פון שלום אויף דער גאנצער וועלט.

# אַ באַגריסונג

## פון אונזער רעקאָרדינג סעקרעטאר

טייערע פריינט:

קיין 50-יאריגע געשיכטע פון אונזער ברענטש נעם איך זיך ניט אונטער צו שרייבן. ערשטנס, ווייל איך בין ניט איינער פון די גרינדער און צווייטנס, בין איך ניט אומשטאנד צו געדענקען אלעס וואָס האָט פאסירט מיט אונזער ברענטש. אָבער פאר דער גאָר לאנגער צייט וואס איך בין מיט אייך איז מיר צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו זיין דער רעקארדינג סעקרעטאר פון אונזער ברענטש 498. און עס פריידט מיך באמת וואָס איך האָב געהאט די מעגלעכקייט צו זיין אקטיוו און אלס סעקרעטאר צו זיין פארטראָטן אין אלע קאמיטעס און אין אלע טעטיקייטן פון אונזער ברענטש.

פאר די לעצטע יאָרן, וואָס איך האָב דעם כבוד צו זיין רעקאָרדינג סעקרעטאר ווייל איך זיך דאָ אויסדריקן, אז עס איז ממש א פארגעניגן צו ארבעטן מיט אזוינע מיטגלידער און מיט אזוינע חשובע פירער, וואס עס געפינען זיך אין אונזער ארגאניזאציע.

אויך טייערע פריינט, קען איך אייך ניט איבערגעבן די פרייד וואס באהערשט מיך, ווייל איך האָב דערלעבט צו פייערן אונזער 50 יאָריגן יום טוב און איך פיל אז מיר דארפן אלע זיין שטאלץ מיט אונזער בארעכטיגטער פרייד אויף די גוטע אויפטואונגען פון דער פארגאנגנהייט, ווי אויך מיט דעם געהויבענעם גייסט פארצוזעצן אונזער ארבעט פאר אן אמת'ער מענטשלעכער וועלט.

לאמיר זיך היינט משמח זיין מיט דער האָפענונג, אז אויף די בערג פון שרעקלעכע צרות און אומרעכט פון היינט וועט אויפשטיין א העלער ליכטיגער מאָרגן.

זייט אלע געגריסט:

מעקס יאזלאָוויטש,

רעק. סעקרעטאר

: : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : :

א באגריסונג:

מיר שיקן אונזערע הארציקע ברכות צו אונזער ברענטש 498, צום 50-יאריקן יובל. מיר האפן און מיר ווינטשן אז אונזער ברענטש זאָל ווייטער אָנגיין מיט זיין קאלאסאלער ארבעט"לטובת הכלל" און מיר ווינטשן שלום אויף דער גאנצער וועלט.

אייער עקזעקוטיוו באָרד מעמבער און זיין פרוי!

לאויס און סילווי ספילמאן

# א באגריסונג

## פון אונזער קעשיר

יעדעס מאל ווען עס קומט פאָר בײ אונז א יום טוב, קומט מיר צו א שטיק געדולט, ווען איך זע ווי אונזער אראנדזשמענטס קאָמיטע איז פארנומען מיט צוגרײטן זיך צו דעם גרויסן יום טוב, אז עס זאל אונז קײן זאך ניט פעלן. דעריבער איז פאר מיר א פרײד זיך קענען אויך באטײליקן אין זשורנאל און קענען אויסדריקן מײנע סענטעמענטאלע געפילן. איך דערמאָן זיך פאר די 50 יאר פון אונזער עקזיסטענץ, האָבן מיר געזען אלטע אידעאלן זענען פארשוואונדן ;- נײע זענען געשאפן געווארן, אָבער מײנע געפילן צו אונזער ברענטש זענען געבליבן די זעלבע, ניט קוקנדיג אויף דעם וואָס מיר האבן דורכגעמאכט א צײט וואָס מיר האָבן זיך שיר ניט געלאָזט בעאײנפלוסן פון פאלשע פרײנד.

א דאנק אײנצעלנע פרײנד האָבן מיר זוכה געווען און זײ איבערגעלעבט און צום סוף ארויסגעקומען שענער און שטארקער און דאָס האט אונז אויך געשאפן מוט און ענערגיע צו דערלעבן אונזער 50-יאריקן עקזיסטענץ.

דאריבער איז פאר מיר א גרויסער כבוד וואָס איך האָב דערלעבט אזא צײט.

נעמט אָן מײן הארציגע באגריסונג אלס אײנער פון די סאָלדאטן וואָס באטײליגן זיך אין יום טוב. זאלן מיר שפרײזן זיכער און מוטיג, ניט קוקענדיג אויף אלע שטערונגען, וואָס שטעלן זיך, און ניט קוקנדיג וואס מיר זענען אביסל עלטער געווארן, ווילן מיר נאך דערלעבן צו פײערן א סך אזעלכע יום טובים.

מיט פרײנטלעכקײט און איבערגעבענהײט - אײער

הערי גודעלמאן, קעשיר

זײט אלע געגריסט!

: : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : :

## א באגריסונג פון צװײ עקזעקוטיװ מיטגלידער

טײערע פרײנד:

מיר שיקן אונזער הארציגע באגריסונג צום 50-יאריקן יובילײ פון אונזער ברענטש 498. עס איז אמת אז איך בין ניט אײנער פון די גרינדער פון אונזער ברענטש און איך קען דעריבער ניט אנטײל נעמען אין דער היסטארישער געשיכטע פון אונזער ברענטש, אָבער איך וויל מודה זײן אז איך בין שוין 47 יאר פארבונדן מיט אונזער ברענטש און אויך אן עקזעקוטיװ מעמבער. איך און מײן פרוי - און מיר זענען גליקלעך פאר דעם גרויסן כבוד און צוטרוי, וואָס איר האט אונז אויסדערװײלט צו דער עקזעקוטיװע פון יאָר 1965. און בײ דער געלעגנהײט ווילן מיר אײך ווינטשן אז מיר זאָלן אלע דערלעבן צו פײערן אונזער 75 יאָריקן יובילײ.

זײט געגריסט!

לאנגע לעבן זאל דער "ארבעטער רינג"

פאר מיטהעלפן בויען א שענערע און בעסערע וועלט.

אײער - דזשוליס און דארע קעסנער



# צו מיין לאנד: מדינת ישראל!

## פון יוסף קארנפעלד

איך טו אויף דיר לאנד מיינס ניט אראפּאסן
איך האָב דיינע פעלדער ניט פארדייט,
איך האָב ניט שפּאצירט אין דיינע גאסן
איך בין פון דיר ווייט אָפּגעשייט.

ס'זענען מיר פרעמד דיינע בערג און טאָלן
איך האב דיינע הימלען ניט באטראכט,
דאָך אין מיין געדאנק טו איך דיך מאָלן
אין דיין גאנצן צויבער און פראכט.

איך האָב ניט באזוכט דיינע קיבוצים
און ניט באוואונדערט דיין פּאליצײ
דאָך בין איך שטאָלץ מיט דיינע חלוצים
און מיט דיין העלדישער ארמײ.

איך האָב ניט געקעמפט אין דיין מלחמה
און צו דיין זיג ניט געשיינקט קיין מוט,
דאָך האָט דיין נצחון מיר פארשאפט נחמה
און ס'טוט מיר וויי דיין פארגאָסן בלוט.

און מיין הארץ איז פול מיט ליבע
צו דיר מיין אלט נייע-לאנד
דערפאר איז מיין געמיט א טריבער
ווייל דיך באזוכן בין איך ניט אומשטאנד.

און עס בייּנקט זיך מיר נאָך דיין מאָרגן
וואָס וועט ברייּנגען מיך צו דיר
און מיין הארץ איז פול מיט זאָרגן
ווען וועט דער מאָרגן זיין פאר מיר?

און ערגעץ ווייט - גאר ווייט
בין איך זיכער גאָר ביי זיך
אז קומען - קומען וועט די צייט
און איך וועל זיין אין לאנד גיך.

און קושן וועל איך יעדן שטיין
כ'האָב אויסגעבייּנקט טעג אן א שיר
קאנסט אָ-לאנד מיינס אן מיר זיך באגיין
נאר וואס וועל איך טאָן אן דיר.

: : : : : : : : : : : : : : : :

## א באגריסונג פון אן עקזעקוטיוו מיטגליד:

אין דעם רעספּעקט וואָס איך האָב דערלעבט דורכצולעבן מיט אייך 50 יאָר עקזיסטענץ פון אונזער ברענטש און זייענדיק איינער פון די ערשטע גרינדער, פיל איך אין א בייגייסטערטער שטימונג - איך און מיין פרוי, און מיר ווינטשן אונזער ברענטש אריכות ימים פאר לאנגע יאָרן און איך וויל אויך אויסדריקן מיין הארציקן דאנק צו דער אראנ-דזשמענטס קאָמיטע וואָס האָט אזוי דערפאָלגרייך צוגעגרייט דעם הייַנטיקן יום טוב.

מיט גרוס - **פריינק סיאק**

' ' ' ' ' ' ' ' ' ' ' ' ' ' ' '

## א באגריסונג

ס'איז לייכט ארויסצורײדן 50 יאר עקזיסטענץ פון א ברענטש, אבער ווען מיר דערמאָנען זיך וואס אונזער ברענטש איז דורכגעגאנגען דורך די 50 יאָר עקזיסטענץ, וויל איך זיך אויסדריקן אז מיר זענען באמת בארעכטיקט צו פייערן אונזער גרויסן יום טוב און איך און מיין פרוי ווינטשן ברענטש 498 נאָך א סך לאנגע יארן פון עקזיסטענץ.

פון פריינט און פריינדינע יוסף באָנטשיק

## אונזער יום-טוב איז בארעכטיגט:

## א באגריסונג פון דער עקזעקוטיװ יובילײ אראנדזשמענט קאמיטע!

מיט א געפיל פון טיפן ערנסט און גרויס אחריות, איז די 50-יאריגע יובילײ קאמיטע צוגעטראטן צו אראנזשירן אונזער גרויסן יום-טוב. דער יום טוב, װעלכער ציט אונטער א סך הכל פון 5 צענדליק יאר גרויסע און אומדערמידלעכע ארבעט אויפצובויען א שטארקע פעסט-געשלאסענע ארגאניזאציע פאר מיטהילף און פריינדשאפט:

50 יאר אז מיר שטייען אין די רייען פון אונזער גרויסן אָרדן דער "ארבעטער רינג", װי אויך אין דער אלגעמיינער אידישער ארבעטער באװעגונג. אלץ װאס איז שיין, מענטשלעך, קעמפעריש, האט אונז אינטערעסירט און האָט אלע מאָל געהאט אונזער מאטעריעלע און מאראלישע הילף. מיט דעם באװאוסטזיין פון שיינע דערגרייכונגען און טיפן גלויבן אין דער פעסטקייט פון אונזער ארגאניזאציע, איז די יובילײ אראנדזשמענט קאמיטע צוגעטראטן צו אראנזשירן דעם יום טוב אין פולער פראכט.

עס איז ניט געשפּאָרט געװאָרן קיין מי און ארבעט אלעס צוצוגרייטן זאָרג-פעליג פאר דער באקװעמלעכקייט און גייסטיקער דערהויבונג פון אונזער מיטגלידער-שאפט און אויך געסט:

פאר דער יובילײ קאמיטע איז ניט אומבאװאוסט די קאטאסטראפאלע צייט. די פיין און ליידן צו װעלכע די מענטשהייט און ספעציעל מיר אידן זענען אויסגעזעצט. אבער מיר האפן אז אונזער גאנצע מיטגלידערשאפט און אלע געסט, װעלן מיטברענגען א יו-טובדיקייט און פרייד צו אונזער גרויסער פייערונג, װייל מיר פילן זיך צו אונזער יום טוב בארעכטיגט.

שוין 50 יאר װי מיר מארשירן מיט דער פאָן פון רעכט און מענטשלעכקייט אין אונזער אידישן לעבן.

מיר װינטשן אייך מיט דעם זעלבן מוט, מיט געזונט און פריילעכע געמיטער װייטער מארשירן נאך א סך יארן. און לאמיר װייטער פארזעצן אונזער גוטע ארבעט פארן ברענטש און פארן ארבעטער רינג און פאר אלץ װאס איז שיין און גוט פאר דעם אלגעמיינעם אידישן לעבן.

מיר דריקן אויך אויס אונזער פולע דאנקבארקייט װאס איר האט אונז צוגע-טיילט צו זיין די יעניגע צו אראנזשירן פאר אונז אלעמען דעם טייערן חשובן יום טוב פון אונזער 50 יאר לעבן אין דער סביבה פון ארבעטער רינג.

אין דעם זין און ביי דער געלעגנהייט באגריסן מיר אייך אלעמען. מיר באגריסן אלע גרינדער פון ברענטש, װי אויך אלע אקטיװע טוער און מיר זענען זיכער אז מיר האבן אלע אורזאכן צו זיין שטאלץ מיט אונזער אויפטו פאר די לעצטע 50 יאר.

זייט אלע געגריסט! זאל לעבן און װאקסן ברענטש 498 ארבעטער רינג!

די עקזעקוטיװ יובילעום אראנדזשמענט קאמיטע

# א מתנה צו די צוויי פארזיצערס פון ברענטש 498

## פון יוסף קארנפעלד

א! בויער און פירער. גייט פארווערטס אין רייען,
די מיטגלידער – פריינט נאך אייך מיר גייען,
געגן פינצטערניש מוז מען דעם קאמף דאך באנייען
פארן מענטשלעכן גליק די וועלט צו באפרייען.

מיין ברענטש, דו ביזט געבענטשט מיט פירער צוויי,
ביידע סאָלדאטן מיטן ראנג פון קאפיטאן.
און ווען נאָר א צרה, און ווען נאָר א פרייד
זיי שטורעמען טרעוואָגע, און שלאגן באריבאן.

זיי פירן די שיף פון ברענטש 498
די שיף איז אן שאדן געבליבן צו 50.
די גאנצע מעמבערשיפ צום יום טוב דערפירט,
פון יום טוב דאס הארץ איז גערירט.

לחיים מיר טרינקען, א כוס היינט צוזאמען
פאר די פירער פון ברענטש וואס איז א טייל פון רינג.
לאמיר זיך פרייען מיט אונזער יום טובדיגער מאמען
זאל לעבן דער גרויסער ארבעטער רינג.

מיר וועלן אייך געדענקען, קאצמאן און טארייענסקי
פאר דער צייט אין פארגעניגן וואָס איר האָט אונז פארשאפט.
דערלעבט נאָך פילע יאָרן. מיר וועלן זיכער געדענקען
דער זיג פון אונזער יום טוב ועט ווייזן אייער פראכט.

: : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : :

## א באגריסונג פון אן עקזעקוטיוו מעמבער!

אונזער הארציגע באגריסונג צו ברענטש 498 צו דער פייערונג פון זיין 50-יאריקן יובל. איך וויל האפן אז מיר זאלן דערלעבן צו פייערן נאך א סך יום-טובים און ווייטער אנפירן מיט זיין גוט הומאניטאריש ארבעט פאר נאך א סך יאָרן –

מיט גרוס, איידע סאקאָלע (אין כבוד פון איר מאן)

: : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : :

## א באגריסונג פון מיימי ווילנער!

נעמט אָן מיין הארציגע באגריסונג צו אונזער 50-יאריקן יום טוב. מיין הארץ איז פול מיט פרייד, וואס איך האָב דאס דערלעבט. און עס פאלט אויף מיר א שטיקל טרויער ווען איך דערמאן זיך אז מיין מאן, ע"ה האט דאס ניט זוכה געווען. אָבער אזוי גייט די וועלט. איך באגריס הארציג די חשובע טוער פון בר. 498 צו אונזער יום טוב!

# אונדזערע מיטגלידער באגריסן דעם ברענטש

לכבוד דעם 50 יאָריקן יובילייאום



מר. און מרס. קעסנער

מר. און מרס. פרענק סיאק

מר. און מרס. וויליאם סאָריינסקי

מר. און מרס. מעקס יאזלאָוויטץ

מרס. איידע סאָקאָל

מר. און מרס. לואיס ספילמאן

מרס. מימי ווילנער

מר. און מרס. יוסף קאָרנפעלד

מר. יוסף קאצמאן

מרס. פעני סטענדער

מר. און מרס. לואיס דיקער

מר. און מרס. פיסמאן

מר. און מרס. סאבינשטיין

מר. און מרס. שלמה יאקער

מר. און מרס. וועדמאן

מר. און מרס. סלאָמיוויטץ

מר. און מרס. סיימאן

מר. און מרס. יעקב בארבאך

מר. און מרס. דוד גראָסער

מרס. גאָלדע ווײנבערג

מיס מיני גליקסטיין

מר. און מרס. גאָלער

מר. און מרס. יוסף באָנטשיק

50 50

## <u>טרויער רעזאלוציע</u>

### <u>פון ברענטש 498 ארבעטער רינג אויף דעם טויט פון</u>

# יעטא נודעלמאן

מיר, די עקזעקוטיוו פון ברענטש 498 ארב. רינג זענען זייער דערשיטערט פון דעם טויט פון אונזער געוועזענע איבערגעבענע פריינדין <u>יעטע נודעלמאן</u>.

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו אונזער טייערן איבערגעגעבענעם פריינד און קעשיר פון אונזער ברענטש <u>הערי נודעלמאן</u> אויפן פארלוסט וואָס ער האָט געליטן דורך דעם שנעלן טויט פון זיין ליבער פרוי יעטע.

די עקזעקוטיווע און דער גאנצער ברענטש דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו דער גאנצער משפחה פון אונזער חשובן פריינד אויף דעם גרויסן פארלוסט, וואס זיי און אויך מיר האבן געליטן.

מיט דעם טיפסטן מיטלייד: פון דער עקזעקוטיוו:

| | |
|---|---|
| יוסף קאצמאן - טשערמאן | מאלי טארייבסקי |
| דוד פאליׄשאק - פינ. סעקרעטאר | יוסף באנטשיק |
| מעקס יאזלאוויטץ - רעק. סעקרעטאר | דזשעק בארבאך |
| הערי נודעלמאן - קעשיר | דייוויד גראָסער |
| וויליאם טארייבסקי - האספיטאלער | לאויס קעסנער |
| דארע קעסנער | יוסף קאָרנפעלד |
| פעני קארנפעלד | פריינק סיאק |
| איידע סאקאל | לאויס ספילמאן |

: : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : : :

מען זאָגט אז די צייט קען היילן די וואונדן,
אז איך פארשטיי ניט ווי דו ביזט פארשוואונדן?
צוזאמען מיט דיר איז פארגאנגען מיין גליק.
איך וויין אין דער שטיל, אָן טרייסט אין מיין בליק.

# קדיש נאָך די זעקס מיליאָן קדושים



ווי לאנג אונזערע אויגן וועלן זיין אָפן
און מיר קענען א ווי געשריי הערן
וועלן מיר אויפן אומגליק וואָס האָט געטראָפן
פארגיסן הייסע טרערן.=
24-יאר אין אונזער לעבן
איז א גאנצער פארנעם,
טרויערן מיר אויף די פארלוירענע יאָרן
פון די געפאלענע אויף קידוש השם.
24 יאָר שוין אוועק-
מיט די יאָרן איז א דור פארשוואונדן,
צו אונזער ווייטיק נעמט קיין עק.
ווען מיר נאָך די קדושים ליכט צינדן,=
יאָרן לויפן שנעל
קדיש נאך די קדושים ווערט געזאגט,
אָבער מיר שטייען ווידער אויפן שוועל
פון א וועלט וואס ווערט געפלאָגט.

מיר שטייען טיף גערירט
אונזער הארץ גליט מיט רחמנות
ווען מיר צינדן די יאָרצייט ליכט
לכבוד זייערע הייליגע נשמות
און מיר זאגן שטיל אָן רעש, אָט דאָ
יתגדל ויתקדש שמי רבָה

# צ ו ם  אָ נ ד ע נ ק

## פון אונדזערע פארשטאָרבענע מעמבערס

מיט געבויגענע קעפּ שטייען מיר איבער די קברים פון אונדזערע פריצייטיק פארשטאָרבענע פריינט, מעמבערס פון אונדזער ברענטש.

| | |
|---|---|
| Frank, Annie | 1918 |
| Clurman, Sarah | 1919 |
| Lamm, Aaron | 1927 |
| Milman, Lillian | 1928 |
| Sirkus, Harry | 1931 |
| Silverman, Morris | 1932 |
| Wiener, Jacob | 1932 |
| Schiffman, Rose | 1933 |
| Marcus, Fannie | 1933 |
| Weinberg, Ben | 1934 |
| Feferoltz, Harry | 1935 |
| Ehrlich, Harry | 1935 |
| Kamenetsky, Joe | 1936 |
| Barbach, Clara | 1936 |
| Dranch, Jacob | 1937 |
| Katzman, Jennie | 1939 |
| Nudelman, Violet | 1941 |
| Katzman, Lillian | 1943 |
| Willner, Annie | 1943 |
| Weinberg, Clara | 1944 |
| Cohen, Morris | 1945 |
| Golden, Pearl | 1945 |
| Miller, Rebecca | 1945 |
| Turansky, Bernard | 1946 |
| Zimmerman, Pauline | 1946 |
| Turansky, Minnie | 1946 |
| Kornfeld, Sarah | 1947 |
| Maizel, Mayer | 1947 |
| Katzman, Abe | 1947 |
| Alexander, Sam | 1947 |
| Adelsberg, Johannah | 1948 |
| Kleinman, Philip | 1948 |
| Appelbaum, Philip | 1948 |
| Stoller, Harry | 1949 |
| Kornfeld, Frances | 1950 |
| Schechter, Jacob | 1950 |
| Kashlansky, Jacob | 1951 |
| Waxman, Jacob | 1951 |
| Marcus, Morris | 1951 |
| Weisberg, Joe | 1951 |
| Orenstein, Joe | 1952 |
| Needelman, Max | 1952 |
| Turansky, Anna | 1953 |
| Willner, Abraham | 1953 |
| Cohen, Benjamin | 1953 |
| Fishman, Jacob | 1954 |

| | |
|---|---|
| Katzman, Ruth | 1954 |
| Schechter, Celia | 1954 |
| Willner, Nathan | 1955 |
| Weinberg, Jacob | 1955 |
| Cohen, Sol | 1955 |
| Horn, Fannie | 1955 |
| Sohen, Samuel | 1955 |
| Schneider, Yetta | 1956 |
| Maxwell, Max | 1956 |
| Schneider, Estelle | 1957 |
| Lutsky, Rose | 1957 |
| Fishbach, Ida | 1958 |
| Buller, Adolph | 1958 |
| Kaplan, Solomon | 1958 |
| Weiner, Eva | 1958 |
| Nudelman, Meyer | 1958 |
| Goodman, Anna | 1959 |
| Kleinman, Ray | 1959 |
| Siack, Minnie | 1959 |
| Katzman, Fannie | 1959 |
| Sokol, Harry | 1960 |
| Dinkwood, Alexander | 1960 |
| Roseman, Ida | 1960 |
| Stoler, Rose | 1960 |
| Silverman, Sam | 1960 |
| Bergman, Joseph | 1961 |
| Sunshine, Sam | 1961 |
| Schneider, Louis | 1961 |
| Birnbaum, Rose | 1961 |
| Wilner, Joseph | 1962 |
| Weisman, George | 1962 |
| Lichtman, Morris | 1962 |
| Buller, Sarah | 1962 |
| Levine, Louis | 1962 |
| Birnbaum, David | 1962 |
| Rabinowitz, Jonas | 1962 |
| Goodman, Jack | 1962 |
| Sherman, Nettie | 1962 |
| Shapiro, Minnie | 1962 |
| Schneider, Milton | 1963 |
| Polanka, Gussie | 1964 |
| Cooperman, Sam | 1964 |
| Sherman, Max | 1964 |
| Cohn, Celia | 1964 |
| Waxman, Rebecca | 1965 |
| Noodelman, Yetta | 1965 |